Health

# קאָוויד-19 וואַקסין דריטע דאָזעס קעגן בוסטערס

| | דריטע דאָזע | בוסטער שאָט |
|---|---|---|
| **וואס איז עס?** | נאך א וואַקסין דאָזע פאר מענטשן וועלכע האבן נישט געהאט גענוג א שטארקע רעאקציע צו די ערשטע צוויי קאָוויד-19 וואַקסין דאָזעס | נאך א וואַקסין דאָזע פאר מענטשן וועמענס קערפער האבן געבויט שוץ דורך די קאָוויד-19 וואַקסינאציע, אבער וועמענס שוץ איז שוין מעגליך אפגעשוואכט געווארן מיט די צייט |
| **ווער איז בארעכטיגט?** | מענטשן **פון 12 יאר און עלטער** וועלכע האבן באקומען די **פייזער אדער מאָדערנא** וואַקסין און האבן א מעסיג-ביז-שווער אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם | מענטשן **פון 18 יאר און עלטער** וועלכע האבן באקומען די **פייזער וואַקסין** און האבן גרעסערע איוסזיכטן פון איינע פון די פאלגנדע:<br>• שווערע קאָוויד-19 קראנקייט צוליב זייער עלטער (65 יאר אדער עלטער) אדער צוליב אן אנדערע מעדיצינישע פראבלעם<br>• זיין איוסגעשטעלט צו קאָוויד-19 צוליב וואו זיי וואוינען אדער ארבעטן |
| **פארוואס עס צו באקומען?** | שטודיעס ווייזן אז מענטשן וועלכע האבן אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם רעאגירן נישט די זעלבע גוט צו די וואַקסינען אין פארגלייך צו מענטשן וועלכע האבן נישט אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם. א דריטע דאָזע קען פארשטערקערן די אימיון סיסטעם'ס רעאקציע. | עטליכע שטודיעס ווייזן אז כאטש די וואַקסין ארבעט גאר גוט קעגן שווערע קראנקייט, דאך קען די שוץ קעגן אינפעקציע אנהויבן צו שוואכער ווערן נאך בערך זעקס חודשים. א בוסטער שאָט קען צוגעבן נאך שוץ. |
| **וועלכע וואַקסין?** | • פייזער אויב אייערע ערשטע צוויי דאָזעס זענען געווען פון פייזער<br>• מאָדערנא אויב אייערע ערשטע צוויי דאָזעס זענען געווען פון מאָדערנא | פייזער אויב אייערע ערשטע צוויי דאָזעס זענען געווען פון פייזער |
| **ווען בין איך בארעכטיגט?** | צום ווייניגסטנס 28 טעג נאך אייער צווייטע דאָזע | צום ווייניגסטנס זעקס חודשים נאך אייער צווייטע דאָזע |
| **וועלכע דאקומענטן דארף איך ברענגען?** | • באווייז פון עלטער<br>• דעקלערן אז איר האט א מעדיצינישע פראבלעם וואס מאכט אייך בארעכטיגט | • באווייז פון עלטער<br>• אויב אונטער 65 יאר אלט, דעקלערן אז איר האט א מעדיצינישע פראבלעם וואס מאכט אייך בארעכטיגט אדער אז איר האט גרעסערע איוסזיכטן צו איוסגעשטעלט ווערן |
| **צו זענען דא זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס)?** | אזוי ווי מיט די ערשטע צוויי דאָזעס, קענט איר מעגליך באקומען זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס), צום ביישפיל ווייטאג אין די ארעם, קאפוויי, ווייטאגן אין די גוף, מידקייט און פיבער. | אזוי ווי מיט די ערשטע צוויי דאָזעס, קענט איר מעגליך באקומען זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס), צום ביישפיל ווייטאג אין די ארעם, קאפוויי, ווייטאגן אין די גוף, מידקייט און פיבער. |
| **צו קען איך עס באקומען צוזאמען מיט אן אנדערע וואַקסין?** | יא, איר קענט באקומען א קאָוויד-19 וואַקסין צוזאמען מיט אן אנדערע וואַקסין, אדער אין סיי וועלכע צייט בעפאר אדער דערנאך. | יא, איר קענט באקומען א קאָוויד-19 וואַקסין צוזאמען מיט אן אנדערע וואַקסין, אדער אין סיי וועלכע צייט בעפאר אדער דערנאך. |
| **צו איז עס אומזיסט?** | יא | יא |
| **וואו קען איך לערנען מער?** | גייט צו nyc.gov/covidvaccine און זוכט אויף "Third Dose for People Who are Immunocompromised" (דריטע דאָזע פאר מענטשן מיט אפגעשוואכטע אימיון סיסטעמס). רעדט מיט אייער דאקטאר אויב איר האט סיי וועלכע פראגן. | גייט צו nyc.gov/covidvaccine און זוכט אויף "Recommendation for Pfizer COVID-19 Booster Shots" (רעקאמענדאציעס פאר פייזער קאָוויד-19 בוסטער שאָטס). רעדט מיט אייער דאקטאר אויב איר האט סיי וועלכע פראגן. |

צו טרעפן א וואַקסינאציע פלאץ, גייט צו nyc.gov/vaccinefinder אדער רופט 877-829-4692.